איבערהאַלטן, איך וויל און וועל עס איבערהאַלטן!

אַלץ איז טאַקע פֿאַרשפּילט. אָט אַזוי טראַכט איך ווען איך נעם זיך פֿאַר מײַן אויסגעקויפֿטן בילעט פֿון „אינטוריסט“ אויף דער שטרעקע קאָוונע־וולאַדיוואָסטאָק. אויס רײַזע קיין אַמעריקע.[10] וועגן דעם האָבן זיך שוין פֿאַר מיר באַמיט די באָלשעוויקעס. זיי האָבן געהאַט פֿאַר מיר נאָר איין עצה: אָדער פֿאָרן אין פּוילישן לעגיאָן אין קאַנאַדע און פֿון דאָרט זיי אינפֿאָרמירן... אָדער שלעפּן זיך איבער 6 חדשים ביז... ביז איך בין צווישן די וואָס האָבן נישט אויסגעמיטן געשטעלט צו ווערן פֿאַרן פּרווו פֿון די דײַטשע הונען.

אויב עס וועט נישט געשען קיין נס איז טאַקע אַלץ פֿאַרשפּילט. דאָס וואָס עס געשעט אַרום אונדז זאָגט דערפֿאַר, אַז קודם־כּל זענען מיר געפֿאַנגענע אין דער האַנט פֿון דײַטשלאַנד. עס קומט אויף מיר אַ נײַע, אפֿשר די שווערסטע ערע אין מײַן לעבן.

איך גיב זיך איבער דעם גורל אין די הענט און נעם אויף זיך די געלע לאַטע,[11] ווי קריסטוס די דערנער. אָט אַזוי, אָט־אָ וועל איך זיך לאָזן מיט די [. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . ]

[עס פֿעלן דאָ די זײַטן 7—9 פֿון טאָגבוך, פֿון 25סטן ביזן 28סטן יוני 1941.

## ווערטער פֿון האַרץ

מײַן פּײַן האָט קיין ווערטער נישט. דער דינסטיקער טאָג האָט פֿון מיר
געמאַכט אַ זקן. ניין, נישט קיין זקן, איך וויל זײַן יונג, שטאַרק און דויערהאַפֿט.

---

[6] געבוירן 1888 אין לובלין, איז גאָר יונג אַרײַן אין „בונד", ווו ער איז געווען אַקטיוו ביז די לעצטע טעג פֿון זײַן לעבן. ער איז מגולגל געוואָרן קיין ווילנע נאָכן איבערפֿאַל פֿון דײַטשלאַנד אויף פּוילן אין סעפּטעמבער 1939. בעת דער סאָוועטיש־דײַטשער מלחמה איז אים געלונגען צו אַנטלויפֿן און זיך דערשלאָגן קיין רוסלאַנד. ווען עס ווערט אין 1943 געשאַפֿן דער פּויליש־סאָוועטישער קאָרפּוס ווערט ד"ר הערשנהאָרן באַשטימט ווי דער מעדיצינישער שעף אין אַן אַרמיי־אָפּטיילונג. ער קומט צוריק קיין פּוילן צוזאַמען מיט דער סאָוועטישער אַרמיי. ער איז ווידער טעטיק אין „בונד" ווי דער וויצע־פֿאָרזיצער פֿון צענטראַל־קאָמיטעט. אין 1948, ווען עס הייבט זיך אָן די ליקווידאַציע פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פּוילן, פֿאַרלאָזט ער דאָס לאַנד און קומט אָן קיין ישׂראל. שפּעטער פֿאָרט ער קיין אויסטראַליע, ווו ער איז ווײַטער געזעלשאַפֿטלעך אַקטיוו. ער איז געשטאָרבן אין מעלבורן דעם 2טן יאַנואַר 1953. זײַן אויספֿירלעכע ביאָגראַפֿיע געפֿינט זיך אין דורות בונדיסטן, ב' 2, זז' 99—103.

[7] אַקטיווער טוער אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּפּ"ס). מיטגעאַרבעט אין די פּוילישע אויסגאַבעס פֿון „בונד". בעת דער פּליטים־צײַט אין ווילנע זיך געפֿונען אין קרײַז פֿון די פּליטים בונדיסטן.

[8] אסתּר לישטשינסקי, געבוירן אין וואַרשע און דאָרטן געהערט צום בונדישן אַקאַ־דעמיקער־קרײַז „רינגען", ווו זי איז געווען אַקטיוו. אין ווילנע געווען טעטיק אין אַלגע־מיינעם פּליטים־קאָמיטעט און בעת דער ליטווישער הערשאַפֿט אָנגעפֿירט אַ פּליטים־היים פֿאַר אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ. זי האָט זיך געראַטעוועט אין וואַלד. געפֿינט זיך הײַנט אין בוענאָס־איירעס.

[9] זען ווײַטער, זז' 8, 133.